בס"ד

# פרדי"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת לך לך תשפ"ה גליון 767 [שנה ט"ז]

**דרוש וואס איז דער ענין פון והיה ברכה און עקידת יצחק**

וַיֹּאמֶר ה' אֶל אַבְרָם לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ: וְאֶעֶשְׂךָ לְגוֹי גָּדוֹל וַאֲבָרֶכְךָ וַאֲגַדְּלָה שְׁמֶךָ וֶהְיֵה בְּרָכָה: (יב א) רש"י זאגט לֶךְ לְךָ. לַהֲנָאָתְךָ וּלְטוֹבָתְךָ, וְשָׁם אֶעֶשְׂךָ לְגוֹי גָּדוֹל וְכַאן אִי אַתָּה זוֹכֶה לְבָנִים, עכ"ד רש"י, קומט אויס אז דער טעם פארוואס דער אויבערשטער האט געהייסן אברם אוועקגיין פון דעם פלאץ, איז ווייל דא האט ער נישט געקענט האבן א ישועה, דארף מען פארשטיין פארוואס אין יענע פלאץ וועט ער יא האבן א ישועה? נאר איך האט געזען אין הייליגן ספר אור יצחק (הרה"ק ר' יצחק מראדוויל זון פון הייליגן זלאטשובער מגיד הרה"ק ר' יחיאל מיכל זצוק"ל) א שטארקע יסוד אין דעם ענין, און ער זאגט עס איז דא אמאל וואס כדי א צדיק זאל קענען מער אויפטאן איז ווען ער וועט א כלי מצוה, און איז מסביר אז אברהם האט געוואלט אנטפלעקן פאר די וועלט אמונה בה', אבער ער איז געוועזן צווישן רשעים ווי נמרוד און זיינע מענטשן, דעריבער האט דער אויבערשטער געהייסן אברם גיין אין א אנדערע פלעצער כדי מען זאל מקיים זיין מיט אים די מצוה פון הכנסת אורחים, און אזוי וועט די גוף פון אברהם אבינו ווערן א כלי און א שטיק מצוה, און דאס וועט אים העלפן ער זאל קענען מגלה זיין אמונה און אויפטאן וואס ער וויל, דעריבער שטייט לֶךְ וועגן לְךָ מֵאַרְצְךָ. עכ"ד אור יצחק, לפי זיין הייליגע רייד, קען מען פארברייטערן און זאגן אז דאס איז דער טעם וואס רש"י זאגט אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ. לֹא גִלָּה לוֹ הָאָרֶץ מִיָּד, פארוואס האט אים טאקע דער אויבערשטער האט נישט געזאגט וואו צו גיין? איז דאס ווייל ער זאל מוזן גיין פון פלאץ צו פלאץ נישט וויסענדיג וואו ער גייט כדי ער זאל מוזן זוכן הכנסת אורחים און ווערן א שטארקע כלי מצוה, מיט דעם איז שוין גוט וואס רש"י זאגט וֶהְיֵה בְּרָכָה. הַבְּרָכוֹת נְתוּנוֹת בְּיָדְךָ, עַד עַכְשָׁו הָיוּ בְּיָדִי, בֵּרַכְתִּי לְאָדָם וְנֹחַ, "וּמֵעַכְשָׁו אַתָּה תְּבָרֵךְ אֶת אֲשֶׁר תַּחְפֹּץ", דאס מיינט אז דא וועסטו נישט קענען געבן ברכות אבער אין יענע פלאץ וועסטו יא קענען געבן ברכות, איז דאס א פלא! נאר לפי דער אור יצחק איז גוט ווייל דעם גיין פון דא איז געוועזן אז אברם זאל ווערן א שטארקע כלי מצוה, און וֶהְיֵה בְּרָכָה זייענדיג א כלי מצוה וועלן זיינע ברכות מקויים ווערן, לויט דעם וואלט מען געקענט מחדש זיין בדרך אפשר וואס עס שטייט ביי עקידת יצחק וואס דער אויבערשטער האט געזאגט וְהַעֲלֵהוּ שָׁם לְעֹלָה, וואס די מפרשים זענען מסביר אז דער אויבערשטער האט נישט געהייסן שחטן יצחק, נאר ארופלייגן יצחק אויפן מזבח, און דעריבער האט דער מלאך געקענט זאגן אַל תִּשְׁלַח יָדְךָ אֶל הַנַּעַר וְאַל תַּעַשׂ לוֹ מְאוּמָה, און אויב דער אויבערשטער וואלט דאס נישט געמיינט וואלט א מלאך נישט געקענט זאגן די ווערטער אַל תִּשְׁלַח יָדְךָ, נאר די כוונה איז געוועזן אז יצחק זאל ווערן א שטארקע כלי און א שטיק מצוה, און דערפאר איז עקידת יצחק א זכות אויף אלע דורות, ווייל יצחק איז געווארן א שטארקע כלי מצוה און פויעלט נאך פאר כלל ישראל. (שמח זבולון תשפ"ה)

**דרוש צו פארשטיין וואס אברם האט גערעדט מיט לוט וועגן מחלוקת**

וַיְהִי רִיב בֵּין רֹעֵי מִקְנֵה אַבְרָם וּבֵין רֹעֵי מִקְנֵה לוֹט וְהַכְּנַעֲנִי וְהַפְּרִזִּי אָז יֹשֵׁב בָּאָרֶץ: וַיֹּאמֶר אַבְרָם אֶל לוֹט אַל נָא תְהִי מְרִיבָה בֵּינִי וּבֵינֶךָ וּבֵין רֹעַי וּבֵין רֹעֶיךָ כִּי אֲנָשִׁים אַחִים אֲנָחְנוּ: הֲלֹא כָל הָאָרֶץ לְפָנֶיךָ הִפָּרֶד נָא מֵעָלָי: (יג ז–ט) עס זענען דא אסאך דיוקים אין די פסוקים, ערשט פרעגן אלע אז אין (פסוק ז) שטייט אז עס איז געווען א רִיב צווישן די רועים, אויב אזוי ווי קומט אין (פסוק ח) אברם צו זאגן אַל נָא תְהִי מְרִיבָה בֵּינִי וּבֵינֶךָ עס זאל נישט זיין א קריגעריי צווישן אונז, ווען עס איז נאר געווען א קריגעריי צווישן די רועים און נישט צווישן זיי? נאך א דיוק, אויב עס איז שוין געווען א קריגעריי צווישן די רועים פארוואס זאגט אברם נאך –אַל נָא תְהִי מְרִיבָה בֵּינִי וּבֵינֶךָ– "וּבֵין רֹעַי וּבֵין רֹעֶיךָ", ווען עס איז שוין געווען א קריגעריי סיי ווי צווישן די רועים, דארף ער דאס נישט דערמאנען? אויך פרעגן אלע וואס איז די שייכות פון כִּי אֲנָשִׁים אַחִים אֲנָחְנוּ אפצושטעלן א מחלוקת? אויך איז שווער ווי קומט אריין אין (פסוק ז) וְהַכְּנַעֲנִי וְהַפְּרִזִּי אָז יֹשֵׁב בָּאָרֶץ? נאר עס ווערט געברענט פון של"ה הק' מסביר זיין דער חילוק פון רִיב און מְרִיבָה, אז רִיב מיינט א קליין מחלוקת און מְרִיבָה מיינט א גרויסע מחלוקת עכ"ד. לפי"ז קען מען אלעס פארשטיין, וַיְהִי רִיב בֵּין רֹעֵי מִקְנֵה אַבְרָם וּבֵין רֹעֵי מִקְנֵה לוֹט עס איז געווען א קליין מחלוקת, האט אברם געזאגט צו לוט אז דער דרך איז פון א קליין מחלוקת אז עס ווערט שפעטער א פלאקער און מען קען נישט אפשטעלן די מחלוקת, האט אברם געזאגט אַל נָא תְהִי מְרִיבָה א לשון עתיד, וואס מְרִיבָה מיינט א גרויסע מחלוקת, ווייל פון די קליין מחלוקת קען דאס ברענגען אויף אונז און די רועים א גאר גרויסע מחלוקת, און ווייל כִּי אֲנָשִׁים אַחִים אֲנָחְנוּ, וואס אנשים מיינט חשובים,(רש"י במדבר יג ג) ממילא אויב די פשוטע רועים האבן א קריגעריי, קענען מענטשן דאס פארשטיין, אבער אז מיר וואס זענען חשובים, וועלן זיך קריגן וועט דאס זיין א חילול ה', און בפרט אז אברם האט צושפרייט אמונת ה' אין די וועלט, האט ער געמוזט זיין א אוהב שלום ורודף שלום, כדי מענטשן זאלן אים אויסהערן ווייל דִּבְרֵי חֲכָמִים בְּנַחַת נִשְׁמָעִים (קהלת ט יז), און מען דארף רעדן זייער ליבלאך עס זאל משפיע זיין, און ווייל אברם האט גערעדט מיט אלעמען וועגן אמונה בה' וועט זיין א חילול ה' אז דער אוהב שלום אליין קריגט זיך, דעריבער הִפָּרֶד נָא מֵעָלָי, און עס זאל בלייבן שלום צווישן אונז. (שמח זבולון תשפ"ה)

**דעם אינטרעסאנטע תשובה פון הָגָר צום מלאך**

וַיִּמְצָאָהּ מַלְאַךְ ה' עַל עֵין הַמַּיִם בַּמִּדְבָּר עַל הָעַיִן בְּדֶרֶךְ שׁוּר: וַיֹּאמַר הָגָר שִׁפְחַת שָׂרַי אֵי מִזֶּה בָאת וְאָנָה תֵלֵכִי וַתֹּאמֶר מִפְּנֵי שָׂרַי גְּבִרְתִּי אָנֹכִי בֹּרַחַת: (טז ז–ח) דא טרעפט דער מַלְאַךְ ה' אז הָגָר אנטלויפט, און ער פרעגט איר אֵי מִזֶּה בָאת פון וואו קומסטו יעצט, און וְאָנָה תֵלֵכִי, וואו גייסטו יעצט? איז שווער דער מלאך פרעגט איר צוויי שאלות און זי ענטפערט נאר אויף אֵי מִזֶּה בָאת אז מִפְּנֵי שָׂרַי גְּבִרְתִּי אָנֹכִי בֹּרַחַת, זי אנטלויפט פון איר הארן, און זי ענטפערט נישט אויף וְאָנָה תֵלֵכִי וואו זי גייט יעצט? נאר דער תירוץ איז פשוט ווייל באמת האט זי יא געענטפערט אויףביידע שאלות, ווייל דער דרך העולם איז ווען מען איז געצוואונגען צו אנטלויפן, נעמט מען זיך לויפן און מען ווייסט נישט וואו, ווייל דער עיקר וויל דער מענטש אנטלויפן פון יענעם פלאץ, און דאס האט הָגָר געענטפערט: מִפְּנֵי שָׂרַי גְּבִרְתִּי אָנֹכִי בֹּרַחַת, אז איך האב געמוזט אנטלויפן, ממילא ווייס איך טאקע נישט וואו איך גיי אנטלויפן, דאס איז געווען די תשובה אויף וְאָנָה תֵלֵכִי. (דברי יחזקאל מהרה"ק משינאווא זצוק"ל)

 הוצא לאור ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים"

*מדור העובדות*

## *****הרה"ק ר' לייב שרה'ס איז מבטל גזירות אנקעגן די אידן*****

רבי יהודה לייב - רבי לייב שרה'ס- איז געבוירן אין שטאט רובנה צן זיין הייליגן טאטן רב יוסף (י"ז תמוז ת"צ,) וואס איז געווען פון די ל"ו צדיקים, און זיין מאמע שרה, זיין טאטע איז נפטר געווארן ווען רב לייב שרה'ס איז נאך געווען א קינד, פאר זיין בר מצוה האט זיין מאמע אים געברענגט צום הייליגן בעש"ט פאר א ברכה און האט געזאגט ער וועט אים אונטערשיקן א מתנה פאר זיין בר מצוה, און דאס איז געווען אז א טאג פאר זיין בר מצוה איז דער הייליגער אור החיים נפטר געווארן ט"ו תמוז תק"ג, און דער בעש"ט האט אים געגעבן א ניצוץ פון נשמת אור החיים הק' אלץ א מתנה. ער איז אויך געווען ביים הייליגן מגיד פון מעזריטש און רבי פינחס מקוריץ זיע"א. (זיין יארצייט איז ד' באדר תקנ"א)

רבי לייב שרה'ס איז געווען זייער באהאלטן און פלעגט ארום פארן שאפן געלט פאר פדיון שבויים, איינמאל איז רבי לייב שרה'ס אנגעקומען אין שטאט בוינטאש און איז געגאנגען צו א גרויסער מכנים אורח, און געבעטן אויב ער קען זיין ביי אים און יענער האט גערן מסכים געווען, ערב שבת נאך חצות האט רבי לייב געבעטן דער בעל הבית אויב ער קען אים געבן זיין וואגן ווייל ער וויל שפאנצירן אינדרויסן פון שטאט, עס האט אוים געזען אינטרעסאנט וואס עפעס פונקט יעצט! אבער רבי לייב האט געזאגט עס איז זייער וויכטיג און דער בעה"ב האט מסכים געווען און געשיקט זיין בעל עגלה גיין מיט רבי לייב שרה'ס, ווען זיי זענען געווען אינדרויסן פון שטאט האט רבי לייב שרה'ס געבעטן דער בעל עגלה ער זאל אים געבן די לייטשעם און ער וויל פירן דעם וואגן און רבי לייב שרה'ס פירט דעם וואגן וואס פאנגט אן פליען איבער שטעט און וועלדער ביז זיי זענען אנגעקומען אין א גרויסע שטאט, דער בעל עגלה האט אזעלכע מענטשן קיינמאל נישט געזען, רבי לייב שרה'ס בעט דעם בעל עגלה בלייבן דארט און זאגט ער דארף איינעם טרעפן און וועט באלד צוריק קומען און אהיים פארן.

דער בעל עגלה פרעגט א איד וואס איז דורך געגאנגען וועלכע שטאט זיי זענען? און ער האט געענטפערט, ווין! דער בעל עגלה האט נישט געקענט גלויבן וואס ער הערט און פרעגט א צווייטן און ער ענטפערט דאס זעלבע, און נאך א צווי שעה איז רבי לייב שרה'ס צוריק און געזאגט אז עס איז שוין שפעט און מיר דארפן זיי צוריק פאר שבת, און ער נעמט ווייטער די לייטשעם און פירט די וואגן און א שטיק צייט זענען זיי געווען צוריק ביים הכנסת אורחים. דער בעה"ב האט געפרעגט דעם בעל עגלה ווי אזוי איז געווען דעם שפאנצירן? האט ער געענטפערט אז זיי זענען געפארן קיין ווין און צוריק! דער בעה"ב האט געפרעגט צו ער האט נישט קיין דמיון, ווייל עס איז נישט מעגלאך אזאנס! האט דער בעל עגלה געזאגט עס איז אמת, האט דער בעה"ב געזאגט אויב דעם קומענדיגן וואך וועט רבי לייב שרה'ס וועלן פארן מיט דיר, וועל איך דיר מיט שיקן געלט זאלסט קויפן עפעס אין ווין און דער מוכר זאל דיר געבן א קבלה און אזוי וועל איך זען צו דו רעדסט אמת!

דעם קומענדיגן וואך ווען רבי לייב שרה'ס האט געבעטן פון בעה"ב אים געבן א וואגן האט דער בעה"ב געגעבן געלט פארן בעל עגלה, און דאס זעלבע האט זיך איבער געחזרט און דארטן אין ווין איז דער בעל עגלה געגאנגען אין עטליכע געשעפן און געקויפט זאכן און געבעטן א קבלה, און אין אלע קבלות האט מען באוויזן אז זיי זענען געקויפט געווארן אין ווין, און ווען זיי זענען צוריק געקומען האט דער בעל עגלה געגעבן די סחורה מיט די קבלות פון ווין און דער בעה"ב איז שוין געווען איבער רעֲשְט אז דער אורח מוז זיין פון די ל"ו צדיקים, און האט שטארק מכבד געווען רב לייב שרה'ס.

דער בעה"ב האט געהאט א איידעם וואס האט געהערט פון די נסיעות און האט מחליט געווען ער וויל מיט פארן און זעהן מיט וועמען דער רבי לייב שרה'ס גייט זיך טרעפן אין ווין, און ביי דעם דריטן וואך ווען רבי לייב שרה'ס האט געבעטן דעם בעה"ב פאר א וואגן האט ער געזאגט אז זיין איידעם וויל אויך מיט פארן און רב לייב שרה'ס האט מסכים געווען, און אזוי אינדרויסן פון שטאט האט זיך ווייטער איבער געחזרט דאס זעלבע און די וואגן פליט דורך שטעט ביז עס איז אנגעקומען קיין ווין.

רב לייב שרה'ס האט געבעטן מען זאל ווארטן און ער וועט באלד צוריק קומען, אבער דער איידעם האט נישט געפאלגט און איז נאך געגאנגען רבי לייב שרה'ס פון דערווייטנס און ער זעהט ווי ער גייט אריין אין דעם קעניגליכן פאלאץ און די שומרים זאגן אים גארנישט און ער גייט ווייטער ביז ער איז אנגעקומען צום טויער פון קעניג און גיט אריין און קיינער שטעלט אים נישט אפ! דער איידעם איז שנעל צוריק צום וואגן און געווארט ביז רב לייב שרה'ס וועט צוריק קומען, און ווען רב לייב איז געקומען האט ער געזאגט אז מען דארף שוין פארן ווייל עס איז נאנט צו שבת און רב לייב שרה'ס פירט דעם וואגן און עס פליט און אין א קורצע צייט איז מען אנגעקומען קיין בוינטאש.

דער איידעם האט גארנישט דערציילט פאר זיין שווער, אבער נאך שבת איז ער אריין צו רב לייב שרה'ס און פרעגט אים פשט אין זיין נסיעה און דעם אריינגיין אין קענעגליכן פאלאץ! רב לייב האט נישט געהאט חשק צו זאגן אבער אז דער איידעם האט דאך געזען האט ער אים דערציילט: אזוי ווי אין ווין איז דאך א גרויסע שטאט און אלע גזירות און משפטים קעגן די אידן קומט אן צום קעניג, דעריבער גייט ער יעדן פרייטאג און קוקט דורך די אלע משפטים און גזירות און אויב עס איז אנקעגן די אידן טוט ער דאס צורייסן און עס ווערט בטל, און דערנאך טרעף איך דעם קעניג וואס איז מיין נאנטער פריינט און איך רעד מיט אים כסדר ער זאל זיין גוט צו די אידן און ער זאגט מיר צו, און דערנאך פאר איך אוועק! דער איידעם האט דאס דערציילט פאר זיין שווער וואס רב לייב האט אים דערציילט און מען האט שוין געזען ווער רב לייב שרה'ס איז, מען האט געזען די מסירת נפש און אהבת ישראל פון רב לייב שרה'ס.

מען דערציילט אז אמאל האט פראנץ יוסף דער צווייטער געמאכט א גזירה אז אידן מוזן לערנען אין גוייעשע שולעס און רב לייב שרה'ס האט דאס געוואלט מבטל זיין איז ער אנגעקומען אין פאלאץ פון קעניג און אריין אין צימער פון קעניג ווען דער קעניג זעהט קיינעם נישט און רב לייב שרה'ס איז גוזר אויף פראנז יוסף צו מבטל מאכן די גזירה און ער האט נישט געוואלט, און רב לייב שרה'ס האט אים געשלאגן, און דער קעניג שרייט פון יסורים אבער מען זעהט נישט אז מען שלאגט, ביז דער קעניג האט נישט אויסגעהאלטן פון די יסורים און האט צוגעזאגט ער וועט דאס מבטל מאכן, און כך הוה, זיע"א

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

מכתב הגאון ר' אלחנן ווסרמן לתלמידו הגאון ר' שלמה היימאן $8000 ספר עם שתי חתימות החידושי הרי"ם ושייך להשפת אמת ואמרי אמת $65000 מכתב חתום מישיבת קאמינעץ תש"ט חתום ע"י הגאון ר' ראובן גרוזובסקי והגאון ר' נפתלי זאב לייבאוויץ $1200 ספר דרושים יקרים מהרה"ק ר' שלמה זלמן מקאפוסט $400, ערבי נחל שנתן הרה"ק מטאש זצוק"ל עם אישור $750, כרתי ופלתי דפוס ראשון $500 ספר מצות ה' שייך להרה"ק ר' דוד צבי מניישטאדט בעל חמדת דוד בן הרה"ק ר' יחזקאל מקוזמיר $1500 ספר שנתן ובירך אדמו"ר מסקולען זצוק"ל $600 ספר התמונות ופעילות של וועד ההצלה $1000 ספר צמח צדיק וויזניץ ג' חלקים דפוס ראשון שייך להגאון בעל שבט הלוי $1200 ספר מהרי"ל שייך להרה"ק ר' ברוך מוויזניץ בעל אמרי ברוך $2000 זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $9500 מכתב של הגאון ר' חיים עוזר מצב הישיבות שעומדים לסגור $1800 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, ספר שיטה מקובצת הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 חומש תורה תמימה ד' חלקים עם ד' הקדשות ארוכות של האדמו"ר בעל אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 ספר מהר"ם שיק עם הקדשת הקרן לדוד $2800 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעבנאוו $5000 - 718 ~ 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA

**438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website *www.seforimworld.com***

מיר פארקויפן עכטע זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פדיון נפש אויך אלטע געלט